# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:33
מוצאי שב"ק....................7:03

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................איוב ל"ח-ל"ט
בבלי................בבא בתרא ק"ל
ירושלמי........................סוכה ט'
תוספתא........................נדה א'
רמב"ם.......................שגגות ד'

פרשת נח, שבת ראש חודש, ב' דר"ח חשון, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 5 (673)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב, וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ, וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ. וֶוען דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ נֹחַ מִיטְ'ן בְּלֶעטְל אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גֶעווּאוּסְט אַז דִי וַואסֶער פוּנֶעם מַבּוּל הָאט שׁוֹין נָאכְגֶעלָאזְט. דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי נֹחַ הָאט גֶעקֶענְט וִויסְן פוּן דֶעם בְּלֶעטְל אַז דִי וַואסֶער גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט עֶס יֶעצְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם בּוֹים, אֶפְשָׁר הָאט זִי עֶס פָּשׁוּט גֶעטְרָאפְן שְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הרה"ק מִסַּאטְמַאר זצוק"ל בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי"ן (וַיּוֹאֶל משֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן ק"נ), אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזֶען וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁפִּילְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערְן דוֹר, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דְרַאפֶּען אוּן מוּטְשֶׁען צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי פְּשׁוּטֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דָארְט אַרָאפּ דֶעם מָשָׁל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, סִימָן ד') פוּן אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין וַואלְד אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, אַלֶע גְרוֹיסֶע מִינִיסְטָארְן, הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין, אוּן נָאר אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן וֶוען דִי רֶעגְן הָאט נָאכְגֶעלָאזְט הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אַז דַוְקָא דֶער פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן זָאל אִים טְרָאגְן אִין פַּאלַאץ אוּן אִים אַרוֹיפְזֶעצְן אוֹיפְ'ן קֶענִיגְלִיכְן שְׁטוּל; אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע מַבּוּל, אָבֶּער נִישְׁט קַיין מַבּוּל פוּן וַואסֶער נָאר אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן אוֹיךְ אִין דִי כָּשֵׁר'עֶ הֶערְצֶער, אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְט, נָאר דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּטֶערְהֵייט מִיט זָאגְן תְּהִלִּים א.ד.ג., זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם קְרוֹין אוֹיפְ'ן קָאפּ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל, עֶס גִיסְט זִיךְ אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן אַלֶע זַייטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזְרְ'ן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע וַואסֶערְן, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים", מִיר דַארְפְן קוּקְן וִוי אַזוֹי נֹחַ הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים מַבּוּל, אוּן דָאס נָאכְמַאכְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער מַבּוּל. נֹחַ אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה אִיז אַ קַאסְטְן, אָבֶּער "תֵּיבָה" מֵיינְט אוֹיךְ אַ "וָוארְט", דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַ אִיד גֵייט יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, זָאגְן אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאגְן תְּהִלִּים; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דַוְקָא דָאס אִיז דִי תֵּיבָה וָואס בַּאשִׁיצְט אוּנְז, דַוְקָא נָאר דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן אִינֶעם מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיּוֹת, דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סִידוּר'ל; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי בְּלֶעטֶעלֶעךְ אִין מוֹיל, דֶעמָאלְט לָאזְט נָאךְ דֶער מַבּוּל, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם מַבּוּל. דָאס קֶען מֶען אָבֶּער בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִּיק, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען נֹחַ הָאט גֶעזֶען וִוי דִי טוֹיבֶּעלֶע, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ טוֹיבֶּעלֶע (שַׁבָּת מ"ט.), וִוי זִי קוּמְט צוּ פְלִיעֶן מִיט אַ בְּלֶעטֶעלֶע אִין מוֹיל, מִיט דִי פָּשׁוּטֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס הָאט זִי נִישְׁט גֶעטְרָאפְן סְתָּם אַרוּמְשְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער, דָאס הָאט זִי זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּן אַ בּוֹים, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן נ"ב) "עֵץ דָא צַדִּיק". וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל, אוּן דַאן הָאט נֹחַ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן פוּנֶעם מַבּוּל הָאבְּן שׁוֹין זִיכֶער נָאכְגֶעלָאזְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ר"כ), "אִיךְ וֵויס אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא".

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פָּרָשַׁת נֹחַ תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ לוֹיפְסְטוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

וָואס וֵוייסְטוּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע? וָואס בִּיסְטוּ מְקַנֵא אַנְדֶערֶע? וֶועם בִּיסְטוּ מְקַנֵא? נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵא זַיין, וָואלְסְטוּ גֶעווּאוּסְט וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט, וָואס מֶען לַיידְט זִיךְ צַאם, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין זַאךְ - וָואלְסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "כָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג, "וְאֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", נִישְׁטָא אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִילוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען פוּל מִיט צַעַר אוּן וֵוייטָאג, עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵא צוּ זַיין, עֶס אִיז נַארִישׁ מְקַנֵא צוּ זַיין.

פַאר דַיין גֶעזוּנְט לוֹינְט נִישְׁט זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּקְן, מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, "עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט נָאר נָאכְן נִפְטָר וֶוערְן, דָאס מֵיינְט מֶען יֶעצְט בַּיים לֶעבְּן, דֶער וָואס הָאט קִנְאָה וֶוערְט פַארְפוֹילְט, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין לֶעבְּן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוֹיסְקֶערְן טוּנְקֶלְקֵייט מִיט אַ בֶּעזֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל אוּן מֶען ווִיל מַאכְן לִיכְטִיג, פַארְשְׁטֵייסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ בֶּעזֶעם אוּן אוֹיסְקֶערְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ פֶּע"ן אוּן אַרוֹיסְבְּלָאזְן דִי טוּנְקֶלְקֵייט; אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אָנְצִינְדְן לִיכְטְלֶעךְ, נָאר אַזוֹי וֶוערְט אוֹיס טוּנְקֶל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ', סְפֵיקוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב), דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל דָאס פַארְטְרַייבְּן - אַלְס שְׁטֶערְקֶער קוּמֶען זֵיי צוּרִיק, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אָנְצִינְדְן לִיכְטְלֶעךְ פוּן אֱמוּנָה, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען חַזְרְ'ט אֱמוּנָה וֶוערְט לִיכְטִיג. יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", עֶר הָאט גֶעזֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיכְטִיג גֶעוָוארְן; חַזְרְ'ן אֱמוּנָה - דָאס אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

"שׁוֹין גֶענוּג נָאכְגֶעלָאפְן דִי בְּהֵמוֹת" (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ) אַנְשְׁטָאט זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט מַחְשָׁבוֹת וְכוּ', סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

יד. יָפָה צְעָקָה לָאָדָם בֵּין קֹדֶם גְּזַר דִּין בֵּין לְאַחַר גְּזַר דִּין. עֶס אִיז גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי אֵיידֶער עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְּזַר דִּין אוּן סֵיי נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְּזֵירָה.

טו. אַל יְבַקֵּשׁ אָדָם עַל שׁוּם דָּבָר יוֹתֵר מִדַּאי. אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ צוּפִיל מָאל אִיבֶּער דִי מָאס.

טז. בְּיוֹם הַגְּשָׁמִים יְשׁוּעָה פָּרָה וְרָבָה בָּעוֹלָם, וּמְלִיצֵי זְכוּת נִכְנָסִין לְפָנָיו. אִין אַ רֶעגְנְדִיגֶע טָאג וֶוערְט פַארְמֶערְט יְשׁוּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן גוּטֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, זֵיי רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִים.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אַ קָאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג נָארְמַאל, אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה; פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סֵיי בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוֶוענֶען, פַארְלִירְט מֶען נָאר סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כֵּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי כֵּלִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קַיין כֵּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט "מִנְיָן", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ "דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן", אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

### וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן ווִי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר ווִיל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ, דִי פָּרִיצְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי ווִיל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ'ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְווִישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פָּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ "בִּטָּחוֹן")

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (קפ)

תריז

אַזוֹי וִוי אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא סָארְט הִתְבּוֹנְנוּת אִין דִי תּוֹרָה וָואס מֶען דַארְף פַאר דֶעם הָאבְּן אַ הוֹן רַב, גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט דָארְט אַז אִין עֲשִׁירוּת אִיז דָא דְרֵיי חֲלָקִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא מ״ב:) ״לְעוֹלָם יְשַׁלֵּישׁ אָדָם אֶת מְעוֹתָיו, שְׁלִישׁ בְּקַרְקַע וּשְׁלִישׁ בִּפְרַקְמַטְיָא וּשְׁלִישׁ תַּחַת יָדוֹ״, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַיינְטֵיילְן זַיין גֶעלְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים, אַ דְרִיטְל אִין לַאנְד, אַ דְרִיטְל אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַ דְרִיטְל הַאלְטְן בֵּיי זִיךְ; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט ר׳ שְׁמוּאֵל פוּן טֶעפְּלִיק צוּ גֵיין דִינְגֶען גֶעשֶׁעפְטְן אִין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, וָואס פְלֶעגְט בַּאלַאנְגֶען פַארְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

עֶר אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעדִינְגֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן פוּן דֶעם אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל הַכְנָסָה פַארְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע פְלֶעגְט אָפְּדִינְגֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן פוּנֶעם אָרְטִיגְן פְּרִיץ יֶעדֶעס יָאר, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטִיקְל פַּרְנָסָה. נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דִי חֲזָקָה צוּ זַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט עֶס נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אִיר זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי״ע, וָואס פְלֶעגְט עֶס וַוייטֶער אָפְּדִינְגֶען יֶעדֶעס יָאר, בִּיז צוּ דֶעם יָאר וֶוען עֶר הָאט עֶס מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט דִינְגֶען וַוייל דֶער פְּרִיץ הָאט גֶעוָואלְט צוּ סַאךְ גֶעלְט פַאר דֶעם, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער פְּרִיץ עֶס נִישְׁט פַארְדִינְגֶען פַאר קֵיינֶעם.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אַן הִתְבּוֹנְנוּת אִין דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל אָפְּדִינְגֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ קוֹדֶם צוּרִיק גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיין פֶעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי״ע, זָאל מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אִים.

דַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן דֶער ר׳ שְׁמוּאֵל פוּן טֶעפְּלִיק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אוֹיף אִים אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גְּזַר דִין פוּן הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט קֵיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ צוּ דִינְגֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען בִּזְרִיזוּת קֵיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ אוּן עֶר אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט צוּ אָפְּדִינְגֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן פוּנֶעם פְּרִיץ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי״ע הָאט אִים גֶעזֶען פוּן פֶענְסְטֶער וִוי עֶר גֵייט מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט, הָאט עֶר אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ יָאר קַדַּחַת.

בַּיים צוּרִיק קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער דִי קְלָלָה וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי פָארְגֶעהַאלְטְן, ״וִוי דֶען פַאר רֶבִּי בָּרוּךְ וַוייזְט מֶען אַזַא גְרוֹיסְקֵייט?!״, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעלֵייגְט, ״זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן אַז עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף דִיר צוּ שְׁטַארְבְּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעשָׁאלְטְן, הָאט עֶר דִיר גֶעטוּן אַ טוֹבָה, וַוייל אַזוֹי וֶועסְט מוּזְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אַז עֶס זָאל קֶענֶען מְקוּיָּם וֶוערְן דִי קְלָלָה״. דִי קְלָלָה אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אוֹיף אִים שְׁפֶּעטֶער נָאכְ׳ן הִסְתַּלְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּ זַיין הֵיילִיגְן פֶעטֶער אִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְכַאפְּן פוּן אִים נָאכְ׳ן עֶס דִינְגֶען אַלֶע יָארְן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי״ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״הַאלְט זֵיי גֶעזוּנְטֶערְהֵייט״, אַז עֶר קֶען הַאלְטְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן זֵייעֶר גֶערְן, זַיין הַקְפָּדָה אִיז נָאר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם שָׁלִיחַ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט אוּן אִיז זִיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים פְרִיעֶר, דֶער רֶבִּי קֶען אָבֶּער הָאבְּן דִי גֶעשֶׁעפְטְן, וַוייל עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּלִיב זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע סִיבּוֹת אַז עֶר וִויל עֶס מֶער נִישְׁט הָאבְּן.

דִי גֶעשֶׁעפְטְן זֶענֶען טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי׳ן בִּיז נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מוֹחֵל זַיין דֶעם וָואס הָאט מִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין גָלוּת, אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיךְ לֶעב נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ בִּין נִישְׁט תָּלוּי אִין קֵיינֶעם נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אִיךְ הָאב לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט בֵּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט מִיר עֶפֶּעס גֶעטוּן, וַוייל אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעמַאכְט. וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אַז אִיךְ הָאב גֶעהַאט אֵיינֶער אַ חַבֵר אַ בָּחוּר אִין כִּתָּה ט׳ וָואס הָאט זֵייעֶר חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מַיין עֶרְלִיכְקֵייט אוּן פוּן מַיין לֶערְנֶען אִין פָארְנְט פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט מִיךְ אַזוֹיפִיל אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע יָאר, עֶר פְלֶעגְט מִיר זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אוּן אַז עֶכְט בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז סַיי וִוי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

בָּרוּךְ ה׳ אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ וֵויס שׁוֹין הַיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ יָא לִיבּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער אִים מוֹחֵל זַיין? עֶר הָאט מִיךְ בֶּאֱמֶת דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵייטְן, מֶען מַאכְט שָׁאדְן אַ צְוֵייטְן – דַארְף יֶענֶער אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן בִּיז עֶר וֶועט בֶּעטְן מְחִילָה אוּן מֶען וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין; דָאס וָואס מֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיבֶּער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. יֶעדֶע סָפֵק וָואס מֶען הָאט נָאר, אוֹיבּ וֶועט מֶען גוּט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מֶען וֶועט גוּט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד, וֶועט מֶען אַלֶעס טְרֶעפְן זֵייעֶר קְלָאר (עַיֵּין יְמֵי מוֹהֲרַנַ״ת, חֵלֶק א׳, דַּף ח׳). דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיךְ פוּן אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת. מֶען דַארְף נָאר אַוֶועקְלֵייגְן דִי אֵייגֶענֶע גַאֲוָה אוּן דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶועט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת צוּ טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן יֶעדֶע עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, סְפֶּעצִיעֶל דָאס רֶעדְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן עֲבוֹדַת ה׳, אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק.

כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל חֲלִישַׁת הַדַּעַת אוּן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט גֶעלִיטְן זֵייעֶר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אַלֶעם, עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁטַארְקֵייט.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן, ״דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעטוּן זַיינְ׳ס, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶערֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִינֶען, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט.

מִיר דַארְפְן אוֹיךְ טוּן אוּנְזֶער פְלִיכְט, צוּ רֶעדְן אוּן רֶעדְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פוּן אֱמוּנָה, נָאר פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. רֶעדְן מִיט אַן אֱמֶת פוּן עֲבוֹדַת ה׳, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פוֹעֶלְ׳ן. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, חֵלֶק א׳, סִימָן ל״ב–ל״ג)

רֶעדְט אוּן מֶען אִיז מְחַזֵּק ׳מֶען זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוּן אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן, וַוייל אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעמַאכְט׳ - רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט וֵויי גֶעטוּן, יֶענֶער מוּז אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן אוֹי וַאֲבוֹי, אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט אַ צְוֵוייטְן, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, מֶען טוּט יֶענֶעם שָׁאדְן, מֶען טוּט יֶענֶעם וֵויי, אוּן אוֹיבּ מֶען בֶּעט נִישְׁט קֵיין מְחִילָה– "לֹא יֹאבֶה ה׳ סְלֹחַ לוֹ", וְויפִיל מֶען לַיידְט נָאכְדֶעם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

מֶען רֶעדְט פוּנֶעם נִרְדָּף, וְוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אִים; מֶען זָאל אַרֵיינְנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, וִויסְן, גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן אַז ׳קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַיין מַעֲשֶׂה דֶערְמַאנְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא) דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס מֶען הָאט פַארְבִּיטְן, וְוי דֶער אֱמֶת׳עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַלֶעמֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט מִיט אִים גֶעטוּן, אַז מֶען הָאט אִים אוּמְזִיסְט פַארְבִּיטְן, אוּן אוּמְזִיסְט פַארְטְרִיבְּן, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶענִיצְט פַאר אַ תֵּירוּץ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: "הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן, בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ קוּמְט מִיר בְּוַודַּאי נִישְׁט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן אוּן מֵחֲמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק, אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוֹרְן אוּן זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. וַוייל עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי: "דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועןְ. אִין דֶער דֵיעָה. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קָאן יוֹא אַזוֹינְס טָאן אַז מֶע זָאל פַארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ. אוּן סֶע זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּער גֵיין קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יוֹא אַזוֹי צוּ פִירְן. אִיז זֶע רֶעכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן. אַזוֹי וְוי אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן גְרוֹיס צַעַר צוּ הָאבְּן אוּן זֵייעֶר חֲרָטָה צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן".

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט טוּן וָואס דֶער אֱמֶת׳עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעטוּן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי וְוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוּנְז אִין זַיין צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ט): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרֵיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ׳עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ"; בִּיז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ לֶעבְּן וָואס צַדִּיקִים לֶעבְּן אִין גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ה)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# פרישע זמן אנגעהויבן אין די מוסדות

מיט ליב און דאנק צום אייבערשטן האט מען אנגעהויבן דעם נייעם לערן יאר אין די הייליגע מוסדות "היכל הקודש" איבער אלע שטעט. ווי איינגעפירט אין אונזערע מוסדות הויבן אן די אינגלעך און די בחורים דעם נייעם זמן אום אסרו חג סוכות.

דער זמן האט זיך טאקע אנגעהויבן מיט א שטארקע פרישקייט, די קינדער זיצן מיט די מלמדים און לערנען פלייסיג, דאווענען ערליך, און פילן זיך אן מיט אמונה און יראת שמים, מיט תורה און תפלה און מדות טובות.

אין א טעגליכע בריוו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "מען הויבט היינט אן די נייע כיתות אין תלמוד תורה, זע צו שיקן דיין קינד מיט אלע ספרים וואס ער דארף האבן; זיי נישט פויל, און גארנישט זאל דיר זיין חשוב׳ער ווי דיין זונ׳ס לערנען תורה, ווייל לעולם וואלסטו געדארפט זיצן מיט דיינע קינדער א גאנצן טאג לערנען תורה, מקיים זיין די מצוה פון "ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם", נאר מען קען מאכן א שליח, דער מלמד זאל לערנען, און אזוי איז מען מקיים די מצוה, אבער א שליח דארף מען מאכן, מען דארף זיך ווייסנדיג מאכן, זאלסטו אים קויפן די ספרים וואס ער דארף, א סידור וכו׳.

לויב אויס די נייע מלמדים און לערערינס פאר דיינע קינדער, און אז דיין קינד וועט היינט אהיים קומען מיט א לאנגע נאז, באבלאזן, עפעס חוזק ווערטער אויפן מלמד - זאלסטו נישט זיין קיין קליין קינד און מיט זינגען זיין ניגון און חוזק מאכן, נאר זיי קלוג און זאג אים: "דו האסט די בעסטע מלמד", און "דו האסט די בעסטע טיטשער".

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר ווייטער מצליח זיין, און זען אסאך אידיש נחת פון די טייערע קינדערלעך.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה בוים** הי"ו יבנאל
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן גוטמאן** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון צווילינג מיידלעך למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **חיים ישעי׳ דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסי מערמעלשטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון איינהארן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למז"ט**


## הכנסת ספר תורה

שיינע רירנדע הכנסת ספר תורה וואס איז פארגעקומען דעם חול המועד סוכות אין קרית ברסלב ליבערטי

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 1, 2**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**